## קאַפּיטל עלף

1 און עס איז געשען, ווען ישוע האָט געענדיקט
באַפֿעלן זײַנע צוועלף תּלמידים, איז ער פֿון
דאָרטן אַוועק צו לערנען און אויסצורופֿן אין זייערע
שטעט.
2 ווען אָבער יוחנן האָט געהערט אין תּפֿיסה די
מעשׂים פֿון דעם משיח, האָט ער געשיקט דורך
3 זײַנע תּלמידים. און געזאָגט צו אים: ביסטו דער,
וואָס זאָל קומען, אָדער האָבן מיר צו וואַרטן אויף
4 אַן אַנדערן? און ישוע האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט
צו זיי: גייט און דערציילט יוחנן וואָס איר הערט
5 און זעט: בלינדע זעען, און לאָמע גייען אַרום,
מצורעדיקע ווערן גערייניקט, און טויבע הערן,
און טויטע שטייען אויף, און צו אָרעמעלײַט
6 ווערט אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה. און וואויל איז
7 דעם, וואָס וועט נישט שטרויכלען אין מיר! און
בשעת די דאָזיקע זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט ישוע
אָנגעהויבן צו זאָגן צו די המונים מענטשן וועגן
יוחנן: וואָס זענט איר אַרויסגעגאַנגען אין דער
מדבר אַרײַן זען? אַ שטעקל געשאָקלט פֿון ווינט?
8 נאָר וואָס דען זענט איר אַרויסגעגאַנגען זען? אַ
מענטשן אָנגעטון אין פֿײַנע מלבושים? זע, די וואָס
טראָגן פֿײַנע מלבושים, זענען אין די הײַזער פֿון
9 די מלכים! נאָר וואָס דען זענט איר אַרויסגעגאַנ־
גען? צו זען אַ נביא? יאָ, איך זאָג אײַך, און מער
10 ווי אַ נביא. דאָס איז ער, וועגן וועמען עס שטייט
געשריבן:

זע, איך שיק מײַן שליח פֿאַר דײַן פּנים,
ער וועט צוגרייטן דײַן וועג פֿאַר דיר. (מלאכי ג, א.)

11 באמת זאָג איך אײַך, עס איז נישט אויפֿגעשטאַנען